Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 110 | Łódź, Czwartek, 12 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ר׳ אייר תרצ״ב | № 110

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# יוגאסלאווישער קעניג אנטלאפען

## די פויערישע קליינע מלחמה אין יוגאסלאוויען

ווי ע ן, 11. (ספ. טעל.) די צייטונגען ברענגען אלארמירענדע ידיעות וועגען די געהיימנישפולע פאסירונגען וואס קומען פאר אין יוגאסלאוויען.

די היינטיגע וויענער פרעסע ברענגט סענסאציאנעלע פרטים פון אנ׳אפיצירישע פערשווערונג געגען דער מלוכה און דעם קעניג אלעקסאנדער.

ווי עס ווייזט זיך ארויס פון די דאזיגע ידיעות האט די מיליטער-מאכט דורכגעפיהרט א רייה ארעסטען ניט נאר צווישען די אפיצירען פון מאריבארגער גארניזאן נאר אויך אין אנדערע שטעט.

לויט דער מיינונג פון דער וויענער פרעסע שטייט די פערשווערונג פון די סערבישע אפיצירען אין אנ׳ענגען צוזאמענהאנג מיט דער געהיימער ארגאניזאציע א.נ. „די שווארצע האנד", וואס איז בשעתו געגרינדעט געווארען דורך דעם פולקאווניק פון דעם סערבישען גענעראל-שטאב דימיטריעוויטש.

דערזעלבער פולקאווניק איז שפעטער דערשאסען געווארען אויפ׳ן סאלאניקער פראנט פאר׳ן ארגאניזירען א פערשווערונג געגען דעם דעמאלסטיגען טראן-פאלגער און דעם איצטיגען קעניג. אלעקסאנדער.

די איצט-ענטדעקטע פערשווערונג האט זיך געשטעלט א ציל מורד במלכות צו זיין צו פראקלאמירען א רעפובליק און איבערגעשטאלטיגען די מלוכה אין א פעדעראציע פון יוגאסלאווישע פעלקער.

עס קורסירט פער׳עקשנט א קלאנג, אז דער קעניג אלעקסאנדער איז עוקר געווען פון דער הויפט-שטאט.

ווייטער קומען אן ידיעות וועגען א פויערים-בונט אין באסניען.

אין פריעדמאר האבען זיך פערזאמעלט אנ׳ערך 2000 פויערים, וואס האבען בעזעצט די עפענטליכע בנינים, איצט ראבירען זיי די געוועלבער.

דאס זעלבע קומט אויך פאר אין אנדערע באסנישע שטעט.

אין די בערג האלט מען אין איין שיסען, דאס קעמפען די פויערים מיט די זשאנדארמען.

## פראנצ. פרעמיער טארדיע גיט זיך אן אין דימיסיע



## שרעקליכע בעהאנדלונג די פוילישע עקסקורסאנטען

### אויף זייער צוריק-רייזע פון א״י

קאנסטאנצא, 11 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

אך א 3-טעגיגער רייזע איז א הער אנגעקומען די שיף „דאציא" מיט 107 עקסקורסאנטען פון פוילען. די פאסאזשירען בעקלאגען זיך אויף דער שווערער רייזע, וואס זיי האבען געהאט, אויף מאנגעל אין שפייז, די בעהאנדלונג פון דער שיף-לייטונג איז געווען א שרעקליכע. ס׳האבען נישט געהאלפען די אינטערווענצען פאר די עקסקורסאנטען. די עקסקורסאנטען ווערען ערווארט אין ווארשא פרייטאג.

## בלוטיגע געשעהענישען אין עסען

בערלין, 11. (ספ. טעל.) אין עסען איז עס געקומען צו א בלוטיגען צוזאמענשטויס צווישען ארבייטסלאזע און פאליציי.

פאליציי האט געשאסען אין דעם המון דעמאנסטראנטען וואס איז בעשטאנען פון אנ׳ערך 4 טויזעד מאן.

עס זענען שווער פערוואונדעט געווארען עטליכע דעמאנסטראנטען, 8 פאליציאנטען און א 6-יאהריג קינד.

גראנדיעזער
קאנצערט
— פון —
„שיר"-כאר
דעם 17. מאי, 9 אווענד
זעה 2-טע זייט

## גרויסע איבערראשונגען פאר דער וועלט

### נעכטיגע רעדע פונ׳ם קאנצלער ברינינג אין דייטשלאנד

בערלין, 11 (ספ. טעל.) היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון רייכסטאג.

קאנצלער ברינינג האט געהאלטען א רעדע וועגען דעם פראגראם פון דער רעגירונג, לויט וועלכען עס שטעלט זיך ארויס, אז דייטשלאנד גרייט צו א גאנצע רייה ווירטשאפטליכע און פינאנציעלע איבערראשונגען פאר דער וועלט.

פון דער רעדע איז אויך קלאהר געווארען, אז דייטשלאנד גרייט זיך דורכצופיהרען פריהער נאך פון אמעריקא דעם פראיעקט פון דעם געלד-דומפינג.

## מארשאל פילסודסקי איז ארויס-געפאהרען קיין ווילנא

ווארשא, 11. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איינדערפריה איז אפגעפאהרען קיין ווילנע אין דער בעגלייטונג פון זיינע אדיוטאנטען דער מארשאל פילסודסקי.

אין ווילנע וועט דער מארשאל פערברענגען עטליכע טעג.

פיעטריקאווער 14

גערענק! אז דעם 19-טען מאי הויבט זיך אן די ציהונג פון דער 1-טער קלאס

גערענק! אז א גרויס גליקווארט אויף דיר

גערענק! אז ביי דער לעצטער לאטעריע איז אין מיין גליקליכער קאלעקטור געפאלען דאס געווינס פון 30.000 זל. אויף נומער 89011

גערענק! קויפען זאלסטו א לאס נאר אין דער גליקליכסטער קאלעקטור פון

F. BRAJTSZTAJN

PIOTRKOWSKA 14

Tel. 142-47.

טעל. 142-47

גערענק! מיין אדרעס, אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דאגות

גערענק! אז דער הויפט-געווינס איז 1.000.000 זל.

גערענק! אז פאר א קליינע סומע קענסטו רייך ווערען

גערענק! אז יעדער צווייטער לאס געווינט

גערענק! אז דורך אונז זענען א סך מענשען גליקליך געווארען

גערענק! די צייט איז קורץ, אייל זאפארט אין אונזער קאלעקטור.

פיעטריקאווער 14

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, בילינער, טאמשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, II שטאק

א גוטער

וועב-מייסטער

וואס קען בעזארגען ארבייט אויף קארט און ענגלישע שטיהל, קען זיך גלייך מעלדען אין די ערשטע מעכאנישע לוין - וועבער-פאבריק „פראגרעס", פאלודניאווא 52, טעלעפאן 191-34.

פילהארמאניע-זאל, 20 נארוטאוויטשא 20

היינט, דאנערשטאג, דעם 12-טען מאי, 8.30 אווענד

לעצטער אונאפרופליכער קאנצערט פון

אימרי אונגאר

1-טער לאורעאט פון שאפען-קאנקורס.

פרטים אין די אפישען. פרטים אין די אפישען

בילעטען שוין צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע

